# די פּראָזע װוּ איז?

## פֿון רעדאַקציע

טײַערע לייענערס,

אַ דאַנק פֿאַרן קומען אַהער צו גאַסט. מיר האָבן לעצטנס באַקומען אַ צאָל פּאָזיטיווע בליצבריוולעך פֿון לייענער פֿון אַלע עקן וועלט: ניט נאָר די פֿאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך דרום-אַמעריקע, אייראָפּע, און מדינת-ישׂראל. עס דערפֿרייט אונדז גאָר שטאַרק ווען עס באַווײַזט זיך, צווישן די פֿאַלדן פֿון די אייביק רווישנדיקע קיבערכוואַליעס, אַ יִדיש וואָרט פֿון אַן אמתן בשׂר-ודם, און ניט קיין סערווער אָדער וואָסער ניט איז עלעקטראָנישן גולם מיטן ניט-אַנגעלייגטן אָנזאָג, אַז דער אַדרעס אויף וועלכן מע האָט געשיקט יענץ בריוול עקזיסטירט מער ניט... אַ כּלל, שרײַבט ווײַטער מיט אײַערע קאָמפּלימענטן, ידיעות, טענות, קאָמענטאַרן, גראָבע ווערטער, און סתּם פּלאַפּלערײַען. מיר עפֿענען יעדן בריוו און קלעפּן זיי אויף אויף די ווענט פֿון אונדזער רעדאַקציע-פּאַלאַץ.

איר וועט מסתּמא באַמערקן אַז אין דעם נומער געפֿינען זיך אַך-ורק לידער, דאָס הייסט אָן קיין פּראָזע (חוץ דעם דאָזיקן באַשיידענעם וואָרט פֿריִער). דאָס הייסט ניט, חס-וחלילה, אַז מיר האָבן בעסער ליב פּאָעזיע ווי פּראָזע. אלו ואלו דבֿרי אלוקים חיים. נאָר ווי די וועלט זאָגט (אָדער פֿלעגט זאָגן?): ווען מע זאָל האָבן זאַלץ וואָלט מען געקאָכט אַ קאַשע, ווען מע זאָל האָבן שמאַלץ. קיינער האָט קיין פּראָזע ניט אַרײַנגעשיקט, האָבן מיר ניט.

פֿרעגט זיך די קשיא: פֿאַר וואָס האָבן מיר דאָס מאָל ניט קיין פּראָזע? דאָ ווײַטער לייגן מיר פֿיר אַ פּאָר ניט-וויסנשאַפֿטלעכע תּירוצים:

1. מע פֿוילט זיך.

2. פּראָזע שיקט מען הײַנט מערניט צו די זשורנאַלן וואָס צאָלן דערפֿאַר, הייסט עס צום ״פֿאָרווערטס״. ״דער באַוועבטער ייִד״ איז בלויז וואָס מע רופֿט בלע״ז אַ ״זין״ (אַ פֿאַרקירצונג פֿון ענגלישן וואָרט ״מאַגאַזין״, טײַטש ״זשורנאַל״ – געוויינטלעך איז אַ ״זין״ אַ קליינע מימעאָגראַפֿירטע פּובליקאַציע פֿאַר ייִנגערע לייענער וואָס ווילן זיך אַקעגנשטיין דעם עסטאַבלישמענט, אַרויסגעגעבן אויף זייער אַ ביליקן און אומפֿאָרמעלן אופֿן). ווען מע זאָל אָנבאָטן האָנאָראַרן, וואָלטן מיר באַקומען אַ שלל מיט מאַטעריאַל. חשובֿע לייענערס, צעבײַטלט זיך!

3. קיינער שרײַבט מער ניט הײַנט צו טאָג. דאָס איז דער אַנטי-ייִדיש-אַרגומענט. אײַ, וואָס מע שרײַבט יאָ? אויף דעם איז קיין תּירוץ ניטאָ. דאַכט זיך, אַז די קריטיקער (וגם אַחינו בני ישׂראל בתוכם!) האָבן בעסער ליב דעם ״מאַסנמאַרק״. אַפֿילו שונד אויף ענגליש באַקומט מער פּרסום ווי אַן אמתער מײַסטער ווי יחיאל שרײַבמאַן, אים צו לאַנגע יאָר, וואָס מע וואָלט אים געדאַרפֿט ממש טראָגן אויף די הענט און דרייען וועגן אים אַ לאַנגמעטראַזשיקן דאָקומענטאַר. איך בין ניט קיין ניט-פֿאַרגינער. עס מוזן דאָך אַלע מאָל אויפֿקומען די Jonathan Safran Foerס פֿון דער וועלט. זאָל עס זיי וויל באַקומען. דאָס הייסט ניט אָבער אַז זיי זײַנען די איינציקע ווירדיקע שרײַבערס.

4. עס פֿעלן שרײַבערס. ניט וואָס זיי זײַנען ניטאָ, נאָר זיי פֿעלן פּשוט. אמת, אָבער ניט אינטערעסאַנט. איך האָב בעסער ליב אַ מצבֿ וואָס מע קען פּרוּוון בײַטן.

5. עס פֿעלן טעמעס.

לאָמיר אָננעמען, סתּם אַזוי, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אַז נומער 4 איז דער ריכטיקער תּירוץ. שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַז אין אַזאַ אָט-פֿריילעך-אָט-טראַגיש-פֿאַרכאַפּנדיקער וועלט איז ניטאָ וועגן וואָס צו שרײַבן. לאָמיר דאָ פֿירברענגען אַ דרייסטן פֿאָרשלאָג. ווער עס שיקט אַרײַן אין רעדאַקציע דב״י (215 איסט 24סטע גאַס, נומ׳ 315, נ״י נ״י 10010-8304, בליצפּאָסט: sholemberger@hotmail.com ) אַ מאַנוסקריפּט אויף איינער פֿון די ווײַטערדיקע טעמעס, וועט* באַקומען אַ קליינעם האָנאָראַרשטיקל. (* דאָס הייסט, נאָר אויב די זאַך קומט נאָך אונדזערע כּללים פֿאַר קוואַליטעט. קיין נאַראָנים זײַנען מיר ניט.)

די פֿירגעלייגטע טעמעס:

1. די צען וויכטיקסטע ייִדיש-ביכער וואָס זײַנען אַרויס במשך פֿון די לעצטע צען/צוואַנציק/פֿופֿציק/הונדערט/צוויי הונדערט/פֿינף הונדערט יאָר.

2. אַ מעשׂה, דערציילונג, אָדער עסיי וועגן די חרדישע ייִדן.

3. אַ בריוול וועגן מצבֿ אין ישׂראל.

4. אַ רעצעפּט פֿאַר אַ געשמאַקן היימישן מאכל.

5. אַ ליבע-געשיכטע.

אפֿשר איז דאָס אומזיסט, נאָר עס קען ניט שאַטן. מיר ווילן ניט אַרויסגעבן נאָך פּראָזעלאָזע נומערן.